זיצן אויף מיין רעכטער זייט, און אויף מיין
לינקער זייט, איז נישט מיין זאַך צו געבן; עס
איז נאָר פֿאַר די, פֿאַר וועמען עס איז צוגעגרייט
24 געוואָרן פון מיין פאָטער. און ווען די צען האָבן
דאָס געהערט, זענען זיי געוואָרן אין כעס אויף די
25 צוויי ברידער. און ישוע האָט זיי צוגערופן, און
געזאָגט: איר ווייסט, אַז די שרים פון די גוים הערשן
איבער זיי, און די גרויסע לייט טון איבער זיי
26 געוועלטיקן. אַזוי זאָל עס נישט זיין צווישן אייך,
נאָר ווער צווישן אייך עס וועט וועלן זיין גרויס,
27 דער זאָל זיין אייער משרת; און ווער עס וויל צווישן
28 אייך זיין אַ ראש, דער זאָל זיין אייער קנעכט. גלייך
ווי דער בן־אדם איז נישט געקומען באַדינט צו
ווערן, נאָר צו דינען, און צו געבן זיין לעבן ווי אַן
אויסלייזונג פאַר אַ סך.

29 און בשעת זיי זענען אַרויסגעגאַנגען פון יריחו,
האָט אים נאָכגעפאָלגט אַ גרויסער המון מענטשן.
30 און זע, צוויי בלינדע זענען געזעסן ביים וועג;
ווי זיי האָבן געהערט, אַז ישוע גייט פאַרביי, האָבן
זיי אַ געשריי געטאָן, אַזוי צו זאָגן: האַר, בן־דוד,
31 דערבאַרעם דיך אויף אונדז! דער המון אָבער האָט
געשריגן אויף זיי, אַז זיי זאָלן שווייגן. און זיי האָבן
נאָך מער געשריגן, אַזוי צו זאָגן: האַר, בן־דוד,
32 דערבאַרעם דיך אויף אונדז! און ישוע האָט זיך
אָפּגעשטעלט, און זיי גערופן, און געזאָגט: וואָס
33 ווילט איר, אַז איך זאָל טון פאַר אייך? זאָגן זיי צו
34 אים: אַז אונדזערע אויגן זאָלן געעפנט ווערן! און
ישוע האָט זיך דערבאַרעמט אויף זיי, און אָנגערירט
זייערע אויגן, און פלוצלונג זענען זיי זעענדיק
געוואָרן, און האָבן אים נאָכגעפאָלגט.